בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת מַטּוֹת - מַסְעֵי

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## צִי פֶּעלְט אוֹיס צוּ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוֹיפְצוּצִיעֶן דִי קִינְדֶער, צִי פֶּעלְט אוֹיס צוּ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער? מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל, פַארְוָואס זֶעט מֶען בַּיי חֲסִידִים אַז זֵיי הָאבְּן אַזוֹיפִיל קִינְדֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, ט״ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעכַאפְּט בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי נֶגַע צָרַעַת פוּן נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער רַחְמָנָא לִצְּלָן; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מֵסִית וּמֵדִיחַ אַנְדֶערֶע נִישְׁט צוּ הָאבְּן קִינְדֶער מִיטְ׳ן אוֹיסְרֵייד: ״הַיינְט אִיז אַ סַכָּנָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער״, ״עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער״, אָדֶער אַנְדֶערֶע נַארִישֶׁע סְבָרוֹת, ווִי צוּם בֵּיישְׁפִּיל: ״אוֹיף וֶועמֶענְס חֶשְׁבּוֹן הָאסְטוּ קִינְדֶער?״ ״וָואס וֶועט זַיין מִיט פַּרְנָסָה?״ אוּן דָאס גְלַייכְן - וֶוען פְּרִיָּה וְרִבְיָּה אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן (בְּרֵאשִׁית א, כח): ״פְּרוּ וּרְבוּ וּמִלְאוּ אֶת הָאָרֶץ וְכִבְשֻׁהָ״, מֶען זָאל הָאבְּן קִינְדֶער אָנְצוּפוּלְן דִי וֶועלְט, ״וְכִבְשֻׁהָ״, אוּן מִיט קִינְדֶער וֶועט אִיר אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט; ווִי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַיין דִי וֶועלְט? אַז דִי וֶועלְט וֶוערְט בַּאזֶעצְט מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס פִירְן זִיךְ ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל, מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין - מִיט דֶעם נֶעמְט מֶען אַיין דִי וֶועלְט.**

דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ הָאבְּן אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל וָואס מִיט דֶעם הָאט מֶען מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן פְּרִיָה וְרִבְיָה; אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (קֹהֶלֶת יא, ו): "בַּבֹּקֶר זְרַע אֶת זַרְעֶךָ וְלָעֶרֶב אַל תַּנַּח יָדֶךָ", אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ'נֶען אוֹיף דֶעם (יְבָמוֹת סב:): "הָיוּ לוֹ בָּנִים בְּיַלְדוּתוֹ יִהְיוּ לוֹ בָּנִים בְּזִקְנוּתוֹ", עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן הָאבְּן נָאךְ אוּן נָאךְ קִינְדֶער; אוּן אַזוֹי פַּסְקְ'נְט דֶער רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק טו מֵהִלְכוֹת אִישׁוּת, הֲלָכָה טז): "אַף עַל פִּי שֶׁקִּיֵּם אָדָם מִצְוַת פְּרִיָּה וּרְבִיָּה, הֲרֵי הוּא מְצֻוֶּה מִדִּבְרֵי סוֹפְרִים שֶׁלֹּא יִבָּטֵל מִלִּפְרוֹת וְלִרְבּוֹת כָּל זְמַן שֶׁיֵּשׁ בּוֹ כֹּחַ. שֶׁכָּל הַמּוֹסִיף נֶפֶשׁ אַחַת בְּיִשְׂרָאֵל כְּאִלּוּ בָּנָה עוֹלָם", אֲפִילוּ מֶען הָאט שׁוֹין מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן פְּרִיָה וְרִבְיָה אִיז אַ מִצְוָה צוּ בְּרֶענְגֶען נָאךְ קִינְדֶער וַוייל מִיט דֶעם בּוֹיעֶט מֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

דִי וָואס זָאגְן אַז הַיינְט אִיז אַ סַכָּנָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וַוייל מֶען זֶעט דָאךְ אַז אַזוֹיפִיל פַּאלְן אַוֶועק וְכוּ'; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סִיבָּה אוֹיף נִישְׁט צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַסַאךְ קִינְדֶער - אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין זָאל עֶר וַוייטֶער בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער, וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט עֶר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע פַארְוָוארְפֶענֶע נְשָׁמוֹת, עֶר וֶועט מְתַקֵּן זַיין אוּן פַארְעֶכְטְן אַלֶע דוֹרוֹת".

אוֹיךְ אִיז נַארִישׁ זִיךְ אָפְּצוּהַאלְטְן פוּן קִינְדֶער וֶועגְן פַּרְנָסָה; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ג): "אֵין צָרִיךְ לָאָדָם לִדְאֹג עַל פַּרְנָסַת בָּנָיו, כִּי כְּשֶׁהֵם גְּדֵלִים, גְּדֵלָה פַּרְנָסָתָם עִמָּהֶם", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נִישְׁט זָארְגְן וֶועגְן פַּרְנָסָה, וִוי אַזוֹי וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן פַּרְנָסָה, וַוייל וֶוען זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן וֶועלְן זֵיי הָאבְּן פַּרְנָסָה; אוּן אוֹיךְ דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה, וַוייל קִינְדֶער אִיז אַ בְּרָכָה. בַּיי אִידְן אִיז קִינְדֶער אַ בְּרָכָה, דֶערִיבֶּער וֶועסְטוּ זֶען וִוי בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן זֶענֶען דָא פְּרוּכְטְבַּארֶע פַאמִילְיֶעס, גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטוּבֶּער.

דִי וָואס פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּן יוּנְגֶעלַייטְלֶעךְ אוּן וַוייבְּלֶעךְ אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער גְלַייךְ וְכוּ' וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַן אֱמֶת'עֶר קֶשֶׁר צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייב - דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל קַיין שׁוּם זַאךְ בּוֹיט נִישְׁט אוֹיף אַזַא שְׁטַארְקֶע קֶשֶׁר וִוי קִינְדֶער; מִיט יֶעדֶע קִינְד וָואס מֶען הָאט בּוֹיט זִיךְ אוֹיף אַ נֶענְטֶערֶע קֶשֶׁר.

צַדִּיקִים זָאגְן אַז קִינְדֶער בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם בַּיִת, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן אַ סוֹטָה; וֶוען אַ מַאן אוּן וַוייב קְרִיגְן זִיךְ בִּיז עֶס קוּמְט דֶערְצוּ אַז דֶער מַאן בְּרֶענְגְט זַיין וַוייב צוּם כֹּהֵן אוּן עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז זִי אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, זָאגְט דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר

ה, כח): "וְנִקְּתָה וְנִזְרְעָה זָרַע", זי וועט ווערן געבּענטשט מיט קינדער און די קינדער וועלן צוריק ברענגען די אמת'ע ליבשאפט און פארשטאנד איינער צום צווייטן.

אז עס איז אייך שווער אויפצוציען די קינדער זאלט איר מקפיד זיין פון היינט און ווייטער אויף טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה; מאכט אייך א שיעור צו איבער חזר'ן די הלכות און איר זאלט האבן קשר מיט א רב וועם איר זאלט פרעגן יעדע שאלה, נישט זיך אליינס מורה היתר זיין, דורכדעם וועט אייך זיין גרינג אויפצוציען די קינדער. אז מען היט טהרת המשפחה האט מען געזונטע קינדער און כח זיי צו מגדל זיין, אבער אויב חס ושלום מען היט נישט קיין הלכות אין שטוב דעמאלט קומען קראנקע קינדער און מען פארלירט די כח צו די קינדער השם ירחם.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאגן אונז אז די גאולה שלימה וועט קומען בזכות די פּרוּכטבּארע משפחות (יבמות סג:): "אֵין בֶּן דָּוִד בָּא עַד שֶׁיִּכְלוּ כָּל הַנְּשָׁמוֹת שֶׁבַּגּוּף"; קומט אויס אז מיט יעדע קינד וואס מען ברענגט אויף די וועלט איילט מען צו אז משיח זאל קומען במהרה בימינו.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

## ווי אזוי האט איר זיך געקענט דערהאלטן?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך וויל אייך באדאנקען אויף אלע חיזוק און דרשות, עס איז מיר מחיה שוין פאר אסאך יארן, און נישט נאר מיר נאר נאך פילע טויזנטער אידן איבער די גאנצע וועלט.

איך שטיי און איך וואונדער זיך ווי אזוי איר האט געקענט באווייזן דאס וואס איר האט באוויזן, ווען מען קוקט אויף צוריק די שנאה און העצע וואס איז געווען אויפ'ן גאס קעגן אייער מהלך, קען מען ממש שטוינען ווי אזוי די וועלט האט זיך אזוי איבערגעדרייט, ווען היינט זעט שוין כמעט יעדער די גרויסקייט פון היכל הקודש, וויפיל אידן זענען זיך מחיה און שעפן עצות און חיזוק פון די עצות און דרשות. ובפרט איבער דעם ענין פון מאכן ביליגע שמחות, קוקט מען זייער שטארק ארויף אויף אייך.

איך וויל אבער פארשטיין ווי אזוי איר האט געהאט די כוחות הנפש די פריערדיגע יארן צו קענען זיך האלטן אזוי שטארק, פירן פארצווייגטע מוסדות, געבן אזויפיל דרשות און חיזוק, טראגן די אלע התנגדות וואס איז געווען קעגן אייך. איך טראכט אז אויב וועט איר ארויסגעבן פון וואו איר פערזענליך האט גענומען די חיזוק און כח נישט צו צעפאלן אין די שווערסטע זמנים, וועלן אנדערע אידן אויך קענען נעמען חיזוק פון דעם ווייטער אנצוגיין אין זייערע שווערע צייטן.
~~~~~~~~~~~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט אֵייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

ווִילְסְט ווִיסְן דֶער סוֹד ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן אָנְגֵיין אֲפִילוּ אִין שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן? דֶער סוֹד אִיז לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' וָואס עֶנְטְהַאלְט וואוּנְדֶערְלִיכֶע בְּרִיוְון וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְכְאוֹיס זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

וֶוען מֶען לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר בּוֹיט זִיךְ אוֹיף אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה; מֶען הֵייבְּט אָן קוּקְן אוֹיף דִי וֶועלְט ווִי אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַּארְשְׁטֶעלַאכְטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען וֶוערְט נִישְׁט מְיוֹאָשׁ וֶוען מֶען הָאט שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן וַוייל מֶען וֵוייסְט קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּנְטֶער אַלֶעס.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אִין אַלֶע שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן, אָבֶּער בְּעִיקָּר חִיזּוּק הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"ש'ס סְפָרִים; דֶער סֵפֶר אִיז דֶער בֶּעסְטֶער חָבֵר וָואס אִיז שַׁייךְ, וַוייל דֶעם סֵפֶר קֶענְסְטוּ נֶעמֶען מִיט זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט.

וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אַ צְוֵוייטְן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף וֶועם מֶען אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט זַיין גְרֵייט פַאר דִיר וֶוען אִימֶער דוּ דַארְפְסְט חִיזּוּק וְכַדּוֹמֶה, יֶענֶער דַארְף דָאךְ עֶסְן, שְׁלָאפְן אוּן עוֹסֵק זַיין אִין זַיינֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, עֶר אִיז דָאךְ אוֹיךְ אַ מֶענְטְשׁ; קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיבּ דוּ וַוארְטְסְט צוּ בַּאקוּמֶען חִיזּוּק אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט גְרֵייט פַאר דִיר - וָואס קֶענְסְטוּ טוּן? אָבֶּער אַז דוּ הָאסְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם צַדִּיק, דֶעם סֵפֶר פוּנֶעם צַדִּיק - דָאס קֶענְסְטוּ נֶעמֶען מִיט זִיךְ טָאג אוּן נַאכְט נַאכְט אוּן טָאג, אוּן דָאס הָאט מִיר מְחַזֵּק גֶעוֶוען אִין אַלֶע שְׁוֶועֶרִיקֵייטְן וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער (דִי שְׁוֶועֶרִיקֵייטְן וָואס דוּ וֵוייסְט אוּן אוֹיךְ דִי אַלֶע שְׁוֶועֶרִיקֵייטְן וָואס אִיז דִיר נִישְׁט בַּאקַאנְט, וַוייל נָאךְ אַסַאךְ מֶער שְׁוֶועֶרִיקֵייטְן בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער פְּרִיוַואט וְכוּ' וְכוּ') אוּן דָאס אִיז מִיר נָאךְ יֶעצְט וַוייטֶער מְחַזֵּק.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין ווִי מֶען קֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן אֲפִילוּ אַלֶע שְׁפֶּעטְן פוּן דִיר אוּן אַלֶע מַאכְן חוֹזֵק וְכוּ' וְכוּ'; מֶען הֵייבְּט אָן

שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס. מֶען הָאט אַמָאל אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט פַאר רֶבִּי נָתָן דֶעם סֵפֶר ׳שְׁנֵי לוּחוֹת הַבְּרִית׳ פוּנֶעם שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דָאס אִיז מַמֶשׁ אַ ״כָּל בּוֹ״, וַוייל עֶס פַארְמָאגְט אִין זִיךְ אַלֶעס: דְרוּשׁ; חֲסִידוּת וְכוּ׳; הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף זַיינֶע סְפָרִים ׳לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת׳: ״מַיינֶע סְפָרִים אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס גַן עֵדֶן״, וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת וֶוערְט מֶען אַזוֹי מְחוּזָק אַז מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין יֶעצְט ווִי מֶען אִיז אִין גַן עֵדֶן; אוּן מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט לְגַבֵּי דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל: ״דֶער סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס״, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַ סֵפֶר וָואס זָאל זַיין אַ שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקֵייט אַזוֹי ווִי דֶער סֵפֶר; וואוּ מֶען עֶפְנְט נָאר אוֹיף דֶעם סֵפֶר, יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע בְּרִיוו זֶעט מֶען דִי לוֹיטֶערֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן מֶען הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, ״הֲפָךְ בָּהּ וַהֲפָךְ בָּהּ, דְכֹלָּא בָהּ (אָבוֹת ה, כב)״; לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם סֵפֶר ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל״. אַז דוּ וֶועסְט דָאס לֶערְנֶען וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן קֵיין שׁוּם חִיזוּק אוּן קֵיינֶער וֶועט דִיר נִישְׁט קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן, דוּ וֶועסְט לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

### ווִי אַזוֹי וֶוער אִיךְ פָּטוּר פוּן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, עֶס גֶעבְּט מִיר חִיזוּק אוֹיף אַ גַאנְצְן טָאג.

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, עֶטְלִיכֶע יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה ב"ה, מִיט עֶטְלִיכֶע זִיסֶע קִינְדֶערְלֶעך בָּרוּךְ הַשֵּׁם. לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, עֶס אִיז גֶעפִילְטֶערְט אוּן אִיךְ נוּץ נָאר אִין שְׁטוּבּ, אוּן אוֹיךְ מַיין ווַייבּ הָאט לִיבּ זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן דֶערְמִיט צוּ קוּקְן נַייעֶס, אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס אוֹיךְ גֶענוּצְט נָאר פַאר דֶעם צוּ קוּקְן נַייעֶס.

דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּקְרוֹיזְן דֶעם פִילְטֶער, אוּן אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע שְׁמוּצִיגֶע מְאוּוִיס, אוּן אִיךְ פַאל לֵיידֶער אַסַאךְ דוּרְךְ. אִיךְ ווֵייס אַז אִיר גֵייט מִיר זָאגְן אִיךְ זָאל אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם פָאוֹן, אָבֶּער קוֹדֶם אִיז עֶס נִישְׁט גְרִינְג צוּ טוּן סְתָּם אַזוֹי, אוּן צְווֵייטְנְס ווֵייס אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן פַאר מַיין ווַייבּ, פַארְוָואס ווִיל אִיךְ עֶס אַוֶועקְוַוארְפְן? זָאל אִיךְ דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען זִי אִיז נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ נוּץ אִיךְ עֶס פַאר דִי עֶרְגְסְטֶע, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט מִיר צוּ פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלַן?! זִי ווֵייסְט דָאךְ אַז עֶס אִיז גֶעפִילְטֶערְט.
~~~~~~~~~~

און דָאס עֶרְגְסְטֶע אִיז אַז אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן מִיר דִי לִיבְּשַׁאפְט צוּ מַיין וַוייבּ. בִּיטֶע רַאטֶעוֶועט מִיר!

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיר הָאבְּן אִין אוּנְזֶער דוֹר אַ בִּיטֶערֶע צָרָה וָואס רוּפְט זִיךְ ״אִינְטֶערְנֶעט״; דָאס הָאט שׁוֹין חָרוּב גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן. זֵייעֶר אַסַאךְ זֶענֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה דוּרְךְ דִי צָרָה און אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער זֶענֶען צֶעפַאלְן פוּן דֶעם, וַוייל ווִי נָאר מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען אִיז מְטַמֵּא דִי אוֹיגְן - בְּרֶענְגְט דָאס אַז מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת.

אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן פַארְלִירְט מֶען דִי אֱמוּנָה, מֶען הֵייבְּט אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ט:): ״שִׁמְשׁוֹן הָלַךְ אַחַר עֵינָיו״, שִׁמְשׁוֹן הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן, ״לְפִיכָךְ נִקְּרוּ פְּלִשְׁתִּים אֶת עֵינָיו״, דֶערְפַאר הָאבְּן דִי אַרַאבֶּער אוֹיסְגֶעשְׁטָאכְן דַיין אוֹיגְן; וֶוען מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן וֶוערְן דִי אוֹיגְן אוֹיסְגֶעשְׁטָאכְן פוּן דִי קְלִפּוֹת. זֵיי פַארְשְׁטֶעלְן דֶעם אֱלֹקוּת און מֶען זֶעט נִישְׁט מֶער קֵיין גֶעטְלִיכְקֵייט, עֶס וֶוערְט טִינְקֶל אִין דִי אוֹיגְן און מֶען פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה און יִרְאַת שָׁמַיִם רַחְמָנָא לִצְלָן.

זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דַיין פְּרַאגֶע; דוּ פְּרֶעגְסְט וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן מִיט דַיין טֶעלֶעפָאן וָואס אִיז אָפְּן צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ? וָואס אִיז דַיין פְּרַאגֶע בִּכְלַל?! דוּ אַלֵיינְס שְׁרַייבְּסְט דָאךְ אַז זַייט דוּ קוּקְסְט עֲבֵירוֹת שַׁאדְט דָאס צוּ דַיין שְׁלוֹם בַּיִת, עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן דִי רֵיינְקֵייט אִין שְׁטוּבּ. דַיין קָאפּ לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ רַחְמָנָא לִצְלָן, דֶעמָאלְט וָואס אִיז בִּכְלַל דַיין שְׁאֵלָה? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ הַאלְטְן אִין טַאשׁ אַ זַאךְ וָואס מַאכְט קַאלְיֶע דַיין אֵייבִּיגֶע לֶעבְּן, דַיין שְׁלוֹם בַּיִת, דַיין פַּרְנָסָה וְכוּ׳? אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער קוּקְן עֲבֵירוֹת וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן, דוּ וֶועסְט זִיךְ גֶט׳ן און בְּלַייבְּן אָן גָארְנִישְׁט.

מִיר דַארְפְן וֵויינֶען און קְלָאגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר זָאל קוּקְן וואוּ מֶען לִיגְט און וָואס מֶען קוּקְט רַחְמָנָא לִצְלָן. יֶעדֶע נַאכְט בַּיי חֲצוֹת וֵויינֶען מִיר אוֹיפְ׳ן חוּרְבָּן (אֵיכָה א, טז): ״עַל אֵלֶּה אֲנִי בוֹכִיָּה״, אוֹיף דֶעם וֵוין אִיךְ

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, "עֵינִי עֵינִי יֹרְדָה מַּיִם", אוֹיף מַיינֶע אוֹיגְן וָואס אִיךְ הִיט נִישְׁט; אִיךְ קוּק עֲבֵירוֹת, וָואס דָאס אִיז גוֹרֵם: "כִּי רָחַק מִמֶּנִּי מְנַחֵם מֵשִׁיב נַפְשִׁי", אַז אִיךְ זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם צַדִּיק וָואס עֶר אִיז: "מֵשִׁיב נַפְשִׁי", אוּן אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית. "הָיוּ בָנַי שׁוֹמֵמִים", אִיךְ זִינְדִיג בְּהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, "כִּי גָבַר אוֹיֵב", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף מִיר; אַלֶעס צוּלִיבּ: "עֵינִי עֵינִי", אַז מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען נִישְׁט רֵיין.

וֶוען דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים וָואלְטְן דָאס גֶעזֶעהְן אִין זֵייעֶר דוֹר וָואלְטְן זֵיי דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן; דֶער ס"מ הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אַרָאפּ וַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, גְרִינְגֶערְהֵייט; אַנְשְׁטָאט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט זֵיי צוּ שְׁלֶעפְן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער הָאט עֶר הַיינְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג, מֶען שַׁאפְט זִיךְ אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָדֶער אַ טֶעבְּלֶעט וְכַדּוֹמֶה לָזֶה אוּן מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ. מֶען זִיצְט בַּיי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן מֶען קוּקְט אָפּ אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט רַחְמָנָא לִצְלָן - אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אִין אָנְהֵייבּ זֶעט עֶס אוֹיס זֵייעֶר גוּט, עֶס צִיט זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶס גְלַאנְצְט אוּן עֶס שְׁמֵייכְלְט צוּם מֶענְטְשׁ, אָבֶער וֶוען מֶען בַּייסְט אַרַיין אִין דֶעם, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעבְּרָאכְן, וַוייל פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ דֶעפְּרֶעסְט אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג.

וַוארְף אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאן וִוי פְרִיעֶר; וָואס מֵיינְסְטוּ, דַיין וַוייבּ אִיז טַאקֶע אַזַא נַאר? דוּ מֵיינְסְט אַז זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דוּ קוּקְסְט? זִי וֵוייסְט זֵייעֶר גוּט וֶוער דוּ בִּיסְט, זִי שְׁפִּילְט מִיט דִיר אַ שְׁפִּיל, זִי שְׁטֶעלְט אַ פָּנִים וִוי זִי וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, וֶוען בְּאֱמֶת וֵוייסְט זִי גָאר גוּט וֶוער דוּ בִּיסְט; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיינֶער וָואס קֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי גוּט וִוי דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן זָאלְסְטוּ עֶס אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ, בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין קֵיין כְּלֵי שׁוֹפְכִין אִין שְׁטוּבּ. נָאכְדֶעם צְוֵוייטְנְס, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן אַ גְמָרָא הֵייבּ אָן לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט אוֹיפְן קוֹל פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא, גְמָרָא הָאט אַ כֹּחַ אַז עֶס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִפּוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "'תַּלְמוּד' בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט עֶר דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית.

זָאג פַאר דַיין וַוייבּ אַז דוּ ווילְסְט הָאבְן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶעריבֶּער הָאסְטוּ אָפְּגֶעמַאכְט אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט מֶער נִישְׁט אַרַיין אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִין שְׁטוּבּ; דוּ הָאסְט זִיךְ בַּארֶעכְנְט צוּ פָאלְגְן וָואס דִי רַבָּנִים זָאגְן.

מֵיין נִישְׁט אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן וַוייטֶער דִי נִסָּיוֹן; עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג זִיךְ אַרוֹיס צוּ רַייסְן פוּן דֶעם, בִּפְרַט וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין גֶעקוּקְט אוּן גֶעזֶען וְכוּ', וְכוּ' - שְׁפִּירְט מֶען כְּסֵדֶר ווִי מֶען ווִיל צוּרִיק לוֹיפְן צוּ דֶעם, זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק אִין לִימוּד הַתּוֹרָה וֶועט דִיר דָאס הִיטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין ל.): "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרַע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרָע - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַ רְפוּאָה פַאר'ן יֵצֶר הָרָע, דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אִיז אַ מֶעדִיצִין קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, "וְאִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען תּוֹרָה פַאלְט מֶען נִישְׁט אַרַיין אִין זַיינֶע הֶענְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין נָאנְטְשַׁאפְט צוּם מַאן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי שִׁיעוּרִים, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוּט לֶעבְּן, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער נִישְׁט קַיין נָאנְטְשַׁאפְט צוּ מַיין מַאן, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט בִּכְלַל אַז עֶס פֶעלְט מִיר אוֹיס צוּ הָאבְּן אַ מַאן, וָואס קֶען מֶען טוּן דֶערְצוּ?

אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מַיין מַאן וָואס עֶר דַארְף יָא הָאבְּן אַ פְרוֹי. אוּן אֶפְשָׁר וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מוּט אוּן גֶעדוּלְד צוּ אִים, דֶערִיבֶּער קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן אוֹיפ'ן גַאס, אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ גֵיי צוּזַאמֶען מִיט אִים אוֹיפְ'ן גַאס קֶען עֶר נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ עֶר קוּקְט.

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ שְׁפִּיר בִּכְלַל נִישְׁט קַיין נֵייגוּנְג צוּ אַ מַאן? נָאר מַמֶשׁ צוּמָאל אִין אַ שְׁטִיק צַייט וָואס אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ דַארְף אִים הָאבְּן? אִיךְ הָאבּ בְּאֱמֶת רַחְמָנוּת אוֹיף אִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): "אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה? כָּל שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ", וֶוער אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי? אַ פְרוֹי וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר'ן מַאן
~~~~~~~~~~~

וְכוּ'; דָא רֶעדְט מֶען פוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט אַנְטְקֶעגְן אִיר אֵייגֶענֶע ווִילְן אַבִּי צוּ טוּן דִי רָצוֹן פוּן אִיר מַאן.

וֶוען אַ פְרוֹי שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּ צוּ אִיר מַאן נָאר וֶוען עֶס אִיז גוּט פַאר אִיר, נָאר וֶוען זִי הָאט הַנָאָה פוּן דֶעם אוּן נָאר וֶוען עֶס קוּמְט אִיר גוּט אוֹיס וְכוּ' וְכוּ' - בַּאקוּמְט זִי נָאךְ נִישְׁט דֶעם טִיטְל: "אִשָּׁה כְּשֵׁרָה הָעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ", וַוייל זִי טוּט נִישְׁט רְצוֹן בַּעְלָהּ, נָאר זִי טוּט אִיר אֵייגֶענֶע ווִילְן, זִי אַלֵיינְס ווִיל לֶעבְּן מִיט אִים וְכוּ'; אָבֶּער וֶוען אַ פְרוֹי קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זִיךְ אוּן טְרַאכְט נִישְׁט פוּן זִיךְ, נָאר זִי גֵייט אַנְטְקֶעגְן אִיר ווִילְן אַבִּי פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אִיר מַאן, זִי טְרַאכְט: 'ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין גְרֵייט פַאר מַיין מַאן וְכוּ'?' דַאן אִיז זִי אַן 'אִשָּׁה כְּשֵׁרָה'.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן וָואס גֶעבְּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי גֶעבְּן אַוֶועק זֵייעֶר לֶעבְּן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע דוֹרוֹת מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ מַמָּשׁ, אִין זֵייעֶר זְכוּת אִיז מֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן אִין זֵייעֶר זְכוּת וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם לַאנְגְן גָלוּת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי תְּהִלִּים, סִימָן תשצה) אַז בִּזְכוּת דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען דִי אִידְן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם; וֶוען פַּרְעֹה הָאט גֶעמַאכְט אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער דִי אִידְן בְּשַׁעַת מֶען אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁקְלַאפְט אוּן פַארְפְּלָאגְט אוּנְטֶער דִי מִצְרִיִּים, מֶען הָאט גֶעאַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער אוּן דִי מֶענֶער זֶענֶען נִישְׁט אַהֵיים גֶעקוּמֶען צוּ זַייעֶרֶע ווַייבֶּער, וָואס הָאבְּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן גֶעטוּן? זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ זַייעֶרֶע מֶענֶער אוֹיפְן פֶעלְד דָארְט וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט אוּן גֶעבְּרֶענְגְט פַאר זַייעֶרֶע מֶענֶער וַואסֶער מִיט קְלֵיינֶע פִישׁ, זֵיי הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעוַואשְׁן וְכוּ', אוּן יֶעדֶע פְרוֹי הָאט גֶערֶעדְט שֵׁיין צוּ אִיר מַאן מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן זִיךְ שֵׁיין גֶעמַאכְט פַאר אִים וְכוּ', - אַזוֹי אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דִי גַאנְצֶע אִידִישֶׁע פָאלְק וָואס זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בַּיים בַּארְג סִינַי.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יַלְקוּט רוּת, רֶמֶז ד): "אֵין הַדּוֹרוֹת נִגְאָלִין אֶלָּא בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת שֶׁבַּדּוֹר. מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר בִּזְכוּת דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן פוּנֶעם דוֹר; נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוֹטָה יא:): "בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת נִגְאֲלוּ אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם, וּבִזְכוּתָן עֲתִידִין לְהִגָּאֵל", אִין דִי זְכוּת פוּן דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן מִצְרַיִם אוּן בִּזְכוּת זֵיי וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת; דִי פְרוֹיעֶן וָואס לֵייגְן אַלֶעס אִין דֶער זַייט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן ה', זֵיי הֶעלְפְן זַייעֶרֶע מֶענֶער אוּן צוּעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער - אִין זֵייעֶר זְכוּת וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ אַז עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אַייךְ, ווייל מִיט תְּפִילָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן. אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אֵייעֶר מַאן; עֶס וואוּנְדֶערְט מִיר פַארְוָואס אִיר זָארְגְט נִישְׁט אוֹיף אַייךְ, דֶער רַחְמָנוּת אִיז אוֹיף אַייךְ, אִיר דַארְפְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס אַז אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן וֶועלְן לֶעבְּן מִיט אַ מַאן אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן אַזוֹי ווִי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לֶעבְּט. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף אֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ אַז עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אַ לִיבְּשַׁאפְט אִין אַייךְ צוּ אֵייעֶר מַאן, אִיר זָאלְט שְׁפִּירְן ווִי אִיר זֶענְט אֵיין מֶענְטְשׁ. מַאן אוּן ווייבּ דַארְפְן שְׁפִּירְן צְווִישְׁן זִיךְ ווִי מֶען אִיז אֵיין מֶענְטְשׁ, אוּן אַזוֹי ווִי עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ דִי רֶעכְטֶע הַאנְט זָאל זִיךְ גְרוֹיסְן אוֹיף דִי לִינְקֶע אוּן דִי לִינְקֶע הַאנְט זָאל זִיךְ גְרוֹיסְן אוֹיף דִי רֶעכְטֶע הַאנְט, אוּן אַזוֹי ווִי דִי רֶעכְטֶע הַאנְט זָאגְט נִישְׁט: 'אִיךְ דַארְף נִישְׁט מַיין לִינְקֶע הַאנְט וְכוּ'', אַזוֹי אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אַז מַאן אוּן ווייבּ זָאלְן זִיךְ גְרוֹיסְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן.

אַז אִיר וֶועט לֶעבְּן מִיט אֵייעֶר מַאן אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט אוּן אִיר וֶועט זַיין שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר אִים וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים צַדִּיקִים, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּן זֶענֶען מַבְטִיחַ פַאר אַ פְּרוֹי וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר אִיר מַאן; נִישְׁט נָאר זִי דְרֵייְדְט זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן אִים מִיט תֵּירוּצִים וְכוּ' נָאר זִי ווִיל זַיין מִיטְ'ן מַאן וְכוּ' - וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע וואוֹילֶע קִינְדֶער, וָואס אֲפִילוּ אִין דִי צַייטְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע צַדִּיקִים (עֵירוּבִין ק:).

...

~~~~~~~~~~~

**מַיין ווייבּ אִיז מִיר גֶעוָוארְן מַיין פָּאלִיצְיַאנְט, ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, עֶס הָאט מַמֶשׁ גֶעטְוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ יָתוֹם זַייעֶנְדִיג זִיבֶּעצְן יָאר אַלְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַסַאךְ גֶעמוּטְשֶׁעט אַלְס בָּחוּר אַלֵיין, בִּיז אִיךְ בִּין עֶנְדְלִיךְ אַ חָתָן גֶעוָוארְן בַּיי דִי צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג, אוּן אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז מַיין ווייבּ אִיז מִיר גֶעוָוארְן מַמֶשׁ ווִי מַיין מַאמֶע, זִי שְׁטֵייט אוֹיף מַיין קָאפּ ווִי אַ פָּאלִיצְיַאנְט אוּן לָאזְט מִיר מַמֶשׁ נִישְׁט אָטֶעמֶען. זִי פָּאלְגְט מִיר נָאךְ אַ גַאנְצְן צַייט, אוּן דָאס נֶעמְט מִיר צוּ דִי יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן דִי סִיפּוּק פוּן לֶעבְּן.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אָבֶער קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן. עֶס אִיז מִיר בְּאֶמֶת זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן אִיךְ דַארְף אוֹיךְ חִיזוּק אוֹיף אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דִי בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי דִיבּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶע פְרִישֶׁע פָּארְפָאלְק קְרִיגְן זִיךְ אִין אָנְהֵייבּ; עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען אַ פָּארְפָאלְק וָואס זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אִין אָנְהֵייבּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה. גְלַייךְ וֶוען דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין דִי עֶרְשְׁטֶע פָּארְפָאלְק - אָדָם אוּן חַוָּה גֶעקְרִיגְט, וֶוען חַוָּה הָאט גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת הָאט זִי שׁוֹין גֶעגֶעבְּן פַאר אָדָם הָרִאשׁוֹן פוּן דֶעם סַם הַמָּוֶת; אַזוֹי אוֹיךְ זֶעעֶן מִיר בַּיי שָׂרָה אִמֵּנוּ אַז זִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַבְרָהָם (בְּרֵאשִׁית טז, ה): "חֲמָסִי עָלֶיךָ" וְגוֹ'; אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז דָא קְרִיגֶערַייעֶן צְוִוישְׁן מַאן אוּן ווַייבּ.

רָחֵל אִמֵּנוּ הָאט פָארְגֶעהַאלְטְן יַעֲקֹב אָבִינוּ, זִי הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים (בְּרֵאשִׁית ל, א-ב): "הָבָה לִי בָנִים וְאִם אַיִן מֵתָה אָנֹכִי", אוּן יַעֲקֹב הָאט אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "הֲתַחַת אֱלֹהִים אָנֹכִי אֲשֶׁר מָנַע מִמֵּךְ פְּרִי בָטֶן?" וְגוֹ'; אוֹיךְ זֶעעֶן מִיר בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ ווִי עֶר הָאט גֶעלִיטְן בִּזְיוֹנוֹת פוּן זַיין ווַייבּ, זִי הָאט אִים מְבַזֶּה גֶעוֶוען וְכוּ' (עַיֵּין שְׁמוּאֵל-ב ו, טז-כב), מִיט דֶעם אַלֶעם הָאבְּן זֵיי ווַייטֶער גֶעלֶעבְּט מִיט אַ דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעקוּקְט מִיט אַ גוּט אוֹיג אוֹיף דִי ווַייבּ אוּן שְׁטֶענְדִיג דַן גֶעוֶוען דִי ווַייבּ לְכַף זְכוּת.

דוּ פוּן דַיין זַייט זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן צוּ דַיין ווַייבּ מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ אַזוֹי ווִי אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד פִירְט זִיךְ; רֶעדְט צוּ אִיר שֵׁיין וֶועט זִי זִיךְ טוֹישְׁן אוּן זִי וֶועט אוֹיךְ רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִיר. ווַייז אִיר אַז דוּ טְרַאכְטְסְט פוּן אִיר, וֶועט זִי זִיךְ אוֹיטָאמַאטִישׁ טוֹישְׁן. אוּן אֲפִילוּ זִי אִיז דִיר מְצַעֵר זָאלְסְטוּ אִיר ווַייטֶער מְכַבֵּד זַיין.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רַבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבֵיתְהוּ", רַב חִיָּיא'ס ווַייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין; מִיט דֶעם אַלֶעם: "כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידִי", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זִי הָאט לִיבּ, "צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדָרֵיהּ, וּמַיְיתֵי נִיהֲלֵהּ", פְלֶעגְט עֶר עֶס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר אִיר.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים נא, ה): "כִּי פְשָׁעַי אֲנִי אֵדָע וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד"; מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן: וְחַ'טָּאתִי נֶ'גְדִּי תָ'מִיד אִיז נוֹטְרִיקוֹן חָתָ"ן; אוֹיבּ אַ חָתָן גֵייט צוּ דִי חֲתוּנָה גֶעדֶענְקֶענְדִיג שְׁטֶענְדִיג וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִין לֶעבְּן וֶועט עֶר הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס, עֶס וֶועט זַיין: כִּ'י לַ'ה' הַ'מְּלוּכָה, וָואס אִיז נוֹטְרִיקוֹן כַּלָ"ה; וֶוען דֶער חָתָן גֶעדֶענְקְט שְׁטֶענְדִיג וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, זַיי מִיר מוֹחֵל וְכוּ' וְכוּ'", דֶעמָאלְט וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גוּטֶע כַּלָה אוּן אַלֶעס וֶועט זַיין מְסוּדָר - כִּי לַה' הַמְּלוּכָה.

דוּ פְרֶעגְסְט צִי אִיךְ קֶען דִיר הֶעלְפְן; אִיךְ קֶען דִיר מְחַזֵק זַיין אוּן זָאגְן וָואס אִיךְ טוּ וֶוען אִיךְ דַארְף הִילְף. אִיךְ גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בֶּעט אִים אוֹיף וָואס אִיךְ דַארְף אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מִיר. אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן, גֵיי יֶעדְן טָאג אִין אַ ווִינְקְל וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; קוֹדֶם דַאנְק אִים פַאר דַיין לֶעבְּן, פַאר דַיין וַוייבּ אוּן פַאר אַלֶעס אוּן בֶּעט אִים עֶס זָאל זַיין צְווִישְׁן אַייךְ פַארְשְׁטַאנְד אוּן לִיבְּשַׁאפְט - וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## אַז אִיךְ הַאלְט מִיט פוּן דֶערְוַוייטְנְס, בִּין אִיךְ אוֹיךְ אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין קָרוֹב צוּ אַ יָאר וָואס אִיךְ פַארְפֶעל נִישְׁט קַיין אֵיין שִׁיעוּר פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף דִי "קוֹל בְּרֶסְלֶב" הַאטְלַיין, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ פְּרוּבִיר מְקַיֵּים צוּ זַיין וָואס אִיךְ הֶער, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ לֶערְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן נָאךְ שִׁיעוּרִים, אוּן אִיךְ בִּין מְכַבֵּד מַיין וַוייבּ. אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, דֶער ראֹש יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז דִי תַּלְמִידִים זָאלְן זֶען צוּ קוּמֶען כָּאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אִין קֶעמְפּ, זִיךְ צוּ טוֹבֵל'ן אִין דִי מִקְוֶה פוּן אֱמוּנָה. ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַזַא אֵיינֶער ווִי מִיר וָואס אִיז אַ תַּלְמִיד נָאר פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אָדֶער נָאר פַאר וֶוער עֶס אִיז אָפִּיצִיעֶל אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן דְרֵייט זִיךְ דָארְט פִּיזִישׁ?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קֶענֶען קוּמֶען מִיטְהַאלְטְן דֶעם סִיּוּם הַשַּׁ"ס מִיט דִי קְהִלָּה דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר.

יְיִשַׁר כֹּחַ
~~~~~~~~~~~

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען זִיךְ אַרַיין שְׁטֶעקְן דֶעם קָאפּ אוּן זַיין אַ חֵלֶק פוּן חֲבוּרַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, זִיךְ אָנְזֶעטִיגְן מִיט דִי גוּטֶע עֶסְן וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז. מְזוֹנָא דְנִשְׁמְתָא (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן ח), שְׁפַּייז פַאר דִי נְשָׁמָה; דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה וָואס אִיז מְחַזֵּק אוּנְזֶערֶע נְשָׁמוֹת.

שְׁפִּיר נִישְׁט ווִי דוּ בִּיסְט צְוֵוייט קְלַאסִיג וְכוּ'; מֵיין נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זַיין אִין אַ גֶעווִיסֶע מָקוֹם צוּ זַיין אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, כְּאִילוּ נָאר דִי וָואס דַאוֶוענֶען דָארְט אוּן דָארְט אוּן נָאר דִי וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ דָארְט אוּן דָארְט - דִי זֶענֶען בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים אוּן דִי אֱמֶת'עֶ תַּלְמִידִים. עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי; בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידוּת אִיז נִישְׁט מְצֻמְצָם אִין קַיין שׁוּם פְּלַאץ, נָאר וואוּ אִימֶער דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ, אוֹיבּ פָאלְגְט עֶר דֶעם הֵיילִיגְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, עֶר לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס שְׁטֵייט דָארְט, דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן.

אַלֶע פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים הָאבְּן דֶעם גֶעפִיל אַז זֵיי זֶענֶען נָאךְ נִישְׁט פוּן דִי רִיכְטִיגֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ; זֵיי קוּקְן אוֹיף דִי אַלְטֶע מְקוּרָבִים מִיט קִנְאָה - ווִי זֵיי זֶענֶען דִי וָואס זֶענֶען נֶענְטֶער צוּם רֶבִּי'ן. אָבֶּער ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן סֵפֶר הַמִּידוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ה): "וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד"; אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מְקַיֵּים זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת - הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן. עֶס קֶענֶען זַיין מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין יָארְן אִין בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער אוֹיבּ זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים זֶענֶען זֵיי נִישְׁט קַיין תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן, ווִידֶער קֶען זַיין אַ פְרִישֶׁער מְקוּרָב וָואס אוֹיבּ עֶר בַּאפְלַייסְט זִיךְ אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן פָאלְגְט דִי עֵצוֹת אִיז עֶר מֶער מְקוּרָב ווִי אַנְדֶערֶע.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ הִיטְשׁ (טְרֶעמְפּ) מִיט אֵיינֶעם יוֹסְל פַאראַנְטְשִׁיק; אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג זָאגְט עֶר פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן", אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אִים מְקַנֵּא גֶעוֶוען. וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ אִיד יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק וָואס הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "יוֹסְל

פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט נִישְׁט ׳גֶעקֶענְט׳ דֶעם רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט ׳גֶעזֶען׳ דֶעם רֶבִּי׳ן, דוּ ׳קֶענְסְט׳ דֶעם רֶבִּי׳ן, וַוייל דוּ לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; קוּמְט אוֹיס אַז אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, - דֶער קֶען דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד. אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְן רֶבִּי׳ן.

אַדְרַבָּה וְאַדְרַבָּה, קוּמְט אַרוֹיס אִין קֶעמְפּ זַיין אַ חֵלֶק פוּן אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען אִיז זִיךְ מְחַיֶּ׳ וּמְחַזֵּק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. אוּן אַלֶע וָואס הָאבְן אַ גֶעפִּיל צוּם רֶבִּינְ׳ס דִיבּוּרִים - אֶת אֲשֶׁר יֶשְׁנוֹ פֹּה עִמָּנוּ וְאֵת אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ עוֹמֵד עִמָּנוּ, נָאר זַיי זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ פוּן דֶערְוַוייטְנְ׳ס - זֶענֶען גֶעלַאדְנְט צוּ קוּמֶען מִיט הַאלְטְן דֶעם סִיּוּם הַשַּׁ״ס אוּן זַיין אַ חֵלֶק פוּן דֶעם פְּלַאץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**שִׂמְחַת הַבְּרִית לְמַזָּל טוֹב.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ הַיינְט זוֹכֶה גֶעוֶוען מַכְנִיס צוּ זַיין בִּבְרִיתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ מַיין זוּן מְנַחֵם נֵרוֹ יָאִיר; מָה אָשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמִילוֹהִי עָלָי.

בַּיים בְּרִית הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר וְכוּ'.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ בִּין אַרַיין גֶעפָארְן פַארְטָאגְס אִין שְׁטָאט צוּ מַיין זֵיידֶע הָרַב מִקַארְלְסְבּוּרְג שְׁלִיטָ"א צוּם בְּרִית אוּן מַמָּשׁ יֶעצְט בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ, דַארְף אִיךְ מְקַצֵּר זַיין. אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ אִם יִרְצֶה ה' שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**גְרוֹיסֶע צַדִיקִים דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת; הֵייבּ אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ כְּסִדְרָן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק. אַז דוּ קֶענְסְט זָאגְן ח"י פְּרָקִים יֶעדְן טָאג אוּן מְסַיֵים זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה יֶעדְן חוֹדֶשׁ - אִיז נִישְׁט דָא קַיין בֶּעסֶערְס פוּן דֶעם, וַוייל "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיוֹת "נְשָׁמָה"; וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶה אִינְגַאנְצְן, עֶס גֵייט פוּן אִים אַוֶועק אַלֶע מְשׁוּגַעַת'ן.

מִשְׁנַיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, וָואס מִשְׁנָה אִיז נוֹטְרִיקוֹן דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער (תְּהִילִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי"; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן אַריין גֶעפַאלְן.

עֶס זֶענֶען דָא צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶעס אוּן הַיינְט זֶענֶען זֵיי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים נָאר דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן מִשְׁנַיוֹת; זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן אַסַאךְ גוּטְס בִּיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְטְס אִיז פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן. אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר לִיגְט אִין אַ טִיפֶע בְּלָאטֶע, עֶר זִינְדִיגְט נֶעבֶּעךְ אוּן טוּט זֵייעֶר גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן זָאל אִים הֶעלְפְן אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיין בְּלָאטֶע. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמז): "דוּ טוּ גוּטְס, אוּן דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק פַאלְן"; אַז דוּ זֶעסְט וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף דִיר, זָאלְסְטוּ טוּן אַסַאךְ גוּטְס - וֶועט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אַוֶועק גֵיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר אָפְּוַואשְׁן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס. דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט עֶר בָּטֵל וּמְבוּטָל, בִּפְרַט וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְבְּרֶענְט, דֶערְפַאר וֶועט עֶר אַלֶעס לָאזְן טוּן אַבִּי מֶען זָאל

נִישְׁט לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג.

מִיר זִיצְן דָא אִין קֶעמְפּ אוּנְטֶערְן בּוֹים, יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אִיז דָא אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶועןְ פָארְצוּלֶערְנֶען פַאר בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט אַ בְּלַאט בַּבְלִי אוּן אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי יֶעדְן טָאג; דָאס אִיז אוּנְזֶער חַיוּת, אָנְצוּהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט גְמָרָא. דֶער גַאנְצֶער טָאג גֵייט אַנְדֶערְשׁ נָאכְן לֶערְנֶען גְמָרָא; מֶען אִיז מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ דִי פִיר מַלְאָכִים: גַ׳בְרִיאֵל מִ׳יכָאֵל רְ׳פָאֵל אוֹ׳רִיאֵל, וָואס דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז נוֹטְרִיקוֹן "גְמָרָא", דִי פִיר מַלְאָכִים זֶענֶען דִי מֶרְכָּבָה פַאר דִי שְׁכִינָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**דוּרְךְ זִיךְ הִיטְן דִי מַחְשָׁבָה אוּן דִי אוֹיגְן וֶוערְט מֶען נִישְׁט אִין כַּעַס.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - ב׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֶער אוֹיף צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ כַּעַסְ'ן; עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט נוּצְן צוּ זַיין נֶערְוֶועז טָאג אוּן נַאכְט, דָאס וֶועט דִיר נָאר שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט.

עֶנְדֶערְשׁ טוּ תְּשׁוּבָה וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען בַּאהֶערְשְׁן אוֹיף דַיין אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אוּן זִיךְ קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן פוּן וֶוערְן בְּכַעַס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפד): "בְּהַחֹטֶם יְכוֹלִים לְהַכִּיר הַנּוֹאֵף", מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ נוֹאֵף דוּרְךְ זַיין נָאז; מוֹהַרְנַ"ת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף כַּעַס, אֵיינֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג נֶערְוֶועז אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ נוֹאֵף.

דוּרְךְ כַּעַס קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז; דֶער וָואס הִיט זִיךְ נִישְׁט פוּן עֲבֵירוֹת, עֶר הִיט נִישְׁט זַיינֶע אוֹיגְן אוּן קוּקְט אַלֶע עֶקֶלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס -
~~~~~~~~~~~

דֶער וֶוערְט אַ נֶערְוֶועזֶער אָנְגֶעצוֹיגֶענֶער מֶענְטְשׁ; עֶר שְׁרֵייט אוֹיף אַלֶעמֶען בִּיז אַלֶע לָאזְן זִיךְ אָפּ פוּן אִים. ווִידֶערְאוּם דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הִיט זַיינֶע אוֹיגְן אוּן מֹחַ מַחְשָׁבָה דֶער וֶוערְט נִישְׁט בְּכַעַס וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וְכוּ'.

בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר גוּט זַיין.

...

~~~~~~~~~~~

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן צֶלֶם אֱלֹקִים.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז זַייט דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי דִיבּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאסְטוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן, דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ חַיּוּת אִין אִידִישְׁקֵייט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִי בָּארְד טְשֶׁעפֶּעט מֶען דִי פַּרְנָסָה. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט: "וֶוער עֶס שְׁנַיידְט דִי בָּארְד שְׁנַיידְט זִיךְ דִי פַּרְנָסָה, אוּן וֶוער עֶס שְׁנַיידְט דִי פֵּיאוֹת שְׁנַיידְט זַיין שֵׂכֶל".

זָאג אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת וֶועסְטוּ וֶוערְן אַבִּיסְל מְיוּשָּׁב וְכוּ'. דוּ הָאסְט נָאךְ אַ וֶועג צוּ גֵיין, יֶעדֶע רֶגַע ווִילְסְטוּ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; אֵיין רֶגַע ווִילְסְטוּ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, דִי קוּמֶענְדִיגֶע מִינוּט ווִילְסְטוּ שׁוֹין אַנְדֶערְשׁ - יֶעדְן טָאג הָאסְטוּ עֶפֶּעס אַנְדֶערֶע קָאפּ דְרֵייעֶנִישׁ.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער דַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט צוּ ווִיסְן וֶוער זֵיי זֶענֶען, אִיךְ ווִיל פָּשׁוּט דוּ זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, דוֹרוֹת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן כָּל זְמַן דִי הָאסְט שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי קֶען דָאס נִישְׁט אַרְבֶּעטְן.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְמָאל, לָאז אָפּ דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס אוּן דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִיווּג. דוּ וִוילְסְט דָאךְ אַ וואוֹילֶע מֵיידְל, דוּ ווִילְסְט נִישְׁט אַ מֵיידְל וָואס טוֹיג נִישְׁט וְכוּ׳ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז יֶעדֶע עֶרְלִיכֶע מֵיידְל וֶועט נָאר נֶעמֶען אַ בָּחוּר מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, בִּפְרַט דִי תַּלְמִידוֹת פוּן אוּנְזֶער סְקוּל ׳בֵּית פֵּיגָא׳ זֵיי ווִילְן אַלֶע חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ בָּחוּר וָואס טְרָאגְט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, וָואס רִירְט נִישְׁט צוּ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת.

עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז פַאר אַפָּאר נַארִישֶׁע חֲבֵרִים זָאלְסְטוּ אַרָאפּ נֶעמֶען דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים אוּן אוֹיסְקוּקְן ווִי אַ סָרִיס (אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים פוּן נִישְׁט קֶענֶען הָאבְּן קִינְדֶער אִיז אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בָּארְד; יְבָמוֹת עט:).

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר.

...

~~~~~~~~~~~

**דֶערְצֵייל אַלֶע דַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זֶען יְשׁוּעוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ג תַּמוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אַלֵיינְס מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קְרֶעכְץ זִיךְ אוֹיס צוּ אִים וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

גֵיי נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם; אֲפִילוּ מֶען וֶועט דִיר זָאגְן: ״עֶס זֶענֶען דָא מַלְאָכִים וָואס מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר זֵיי!״ זָאלְסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט גֵיין צוּ זֵיי, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת סג.): ״אִם בָּא עַל אָדָם צָרָה״, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה, ״לֹא יִצְוַוח - לֹא לְמִיכָאֵל, וְלֹא לְגַבְרִיאֵל, אֶלָּא לִי יִצְוַוח, וַאֲנִי עוֹנֶה לוֹ מִיַּד״, זָאל עֶר נִישְׁט שְׁרֵייעֶן - נִישְׁט צוּ מַלְאָךְ מִיכָאֵל, נִישְׁט צוּ מַלְאָךְ גַבְרִיאֵל, נָאר צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיינְס.
~~~~~~~~~~~

גֵיי יֶעצְט אִין אַ ווִינְקֶל; זוּךְ דִיר אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ פַארְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט דִיר, יֶעדֶע פְּרַט פוּן דַיין לֶעבְּן, וּבִפְרַט ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אִין שְׁוֶועֶרע עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן.

שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן אַלֶעס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערְ'ס פוּן דֶעם. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ, גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע מַדְרֵיגוֹת. "דְּהַיְנוּ לִקְבֹּעַ לוֹ עַל כָּל פָּנִים שָׁעָה אוֹ יוֹתֵר, לְהִתְבּוֹדֵד לְבַדּוֹ בְּאֵיזֶה חֶדֶר אוֹ בַּשָּׂדֶה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַאכְן אַ צַייט וָואס עֶר לָאזְט אַלֶעס אָפּ אוּן עֶר גֵייט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, "וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בִּטְעָנוֹת וַאֲמַתְלָאוֹת, בְּדִבְרֵי חֵן וְרִצּוּי וּפִיּוּס, לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּקָרְבוֹ אֵלָיו לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת", עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, אִים בֶּעטְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת אוּן אִים מְקָרֵב זַיין, אוּן מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן. אוֹיף אִידִישׁ, דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, "כִּי בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ קָשֶׁה לוֹ לְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ", וַוייל אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְ'ן הַארְץ, "וְגַם אֵין הַלֵּב נִמְשָׁךְ אַחֲרֵי הַדִּבּוּרִים, מֵחֲמַת שֶׁאֵינוֹ מֻרְגָּל כָּל כָּךְ בְּהַלָּשׁוֹן, כִּי אֵין דַּרְכֵּנוּ לְדַבֵּר בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ", וַוייל מִיר רֶעדְן נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, דֶערְפַאר אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ, אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, לְמָשָׁל מִיר וָואס מִיר רֶעדְן אִידִישׁ - זָאגְט דֶער רֶבִּי: "אֲבָל בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁמְּסַפְּרִים וּמְדַבְּרִים בּוֹ, קַל וְקָרוֹב יוֹתֵר לְשַׁבֵּר לִבּוֹ", אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ אוֹיס צוּ גִיסְן דָאס הַארְץ.

רֶעד צוּ הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר וֶועלְכֶער אִיז מְמוּנֶה אוֹיף דִי בֶּעטְן אִין אוּמַאן. אִיךְ ווִיל זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זַיין צוּזַאמֶען מִיט אוּנְז רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; אִיךְ הָאבּ גֶעבּוֹיט דֶעם בִּנְיָן בְּעִיקָר פַאר אַלֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה מִיר זָאלְן זַיין צוּזַאמֶען בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז אַ שָׁאד דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין מִיט אוּנְז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**צוּזַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַאר אַלֶע צְוֶועקֶן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶּׁר כֹּחַ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי; דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר דֶעקְן דִי שְׁוֶועֶרֶע הוֹצָאוֹת פוּן דִי יְשִׁיבָה. דוּ הָאסְט אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן מִיר דֶעם לַחַץ ־ זוּ הַדְחַק צוּ קֶענֶען צָאלְן חוֹדֶשׁ'לִיךְ דִי רֶענְט פַאר'ן בִּנְיַן הַיְשִׁיבָה, אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ זֶען נַחַת דִקְדוּשָּׁה בַּיי דַיינֶע דוֹרוֹת.

עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז לֶעצְטְנְס זֶענֶען דָא נָאךְ יוּנְגֶעלַייט וָואס נֶעמֶען צוּזַאם גֶעלְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַאר דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן, פַאר הַדְפָּסָה, פַאר'ן כּוֹלֵל וְכוּ' וְכוּ'. דוּ קֶענְסְט אַוַודַאי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם סַאטְמַארֶער רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן אַ רָב אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג צוּ מַאכְן שַׁבָּת אַן אַפִּיל אִין זַיין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פַאר אַ צְדָקָה צְוֶועק, אוּן דֶער רָב הָאט זִיךְ אַנְטְזָאגְט דֶערְפוּן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט מַאכְן דֶעם שַׁבָּת אַן אַפִּיל ווַייל פָארִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַן אַפִּיל פַאר אַ צְוֵוייטֶע צְדָקָה צְוֶועק אוּן מֶען קֶען נִישְׁט בֶּעטְן יֶעדֶע וָואךְ פוּנֶעם עוֹלָם גֶעלְט, הָאט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, ווִי מֶער מֶען בֶּעט פַאר צְדָקָה, מֶען גֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם עוֹלָם צוּ גֶעבְּן ־ אַלְץ מֶער גֶעבְּט מֶען, אוּן ווִי מֶער מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ בֶּעטְן ־ אַלְץ ווֵיינִיגֶער גֶעבְּט מֶען".

דֶערִיבֶּער זָאל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז מֶען נֶעמְט צוּזַאם גֶעלְט פַאר נָאךְ צְוֶועקְן וְכוּ', עֶס וֶועט נָאר הֶעלְפְן אַז דִי יוּנְגֶעלַייט זָאלְן טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית, צוּ אִינְוֶועסְטִירְן דִי גֶעלְט אִין צְדָקָה.

מוֹהַרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ מַגִּיד אִין אַ שְׁטָאט צוּ מַאכְן אַפָּאר דָאלֶער, עֶר הָאט גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֶעלְט; וָואס מֶען קֶען אַלְץ טוּן מִיט גֶעלְט, דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה וְכוּ', וְכוּ'. נָאךְ דִי דְרָשָׁה הָאט עֶר
~~~~~~~~~~~

גֶעוואוּאַרְט מֶען זָאל אִים הֶעלְפְן מִיט גְרוֹיסֶע סְכוּמִים, אָבֶּער דֶער עוֹלָם הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט עֶרְוַוארְטֶעט. שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעקוּמֶען אַ צַדִּיק אוּן גֶערֶעדְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִיבּוּרֵי תַּכְלִית פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן נָאכְ'ן שִׁיעוּר הָאט אִים דֶער עוֹלָם בַּאוָוארְפְן מִיט גֶעלְט... דֶער מַגִּיד הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט וָואס דָא גֵייט פָּאר, פַארְוָואס פַאר אִים וָואס עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוּמְגֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֶעלְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶעגֶעבְן קַיין גְרוֹיסֶע סְכוּמִים, ווִידֶערְאוּם פַארְ'ן צַדִּיק וָואס הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן גֶעלְט הָאט מֶען גֶעבְּרֶענְגְט גְרוֹיסֶע סְכוּמִים.

הָאט אִים דֶער צַדִּיק דָאס גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין: "דוּ הָאסְט גֶערֶעדְט פוּן גֶעלְט; וָואס מֶען קֶען אַלְץ טוּן מִיט גֶעלְט, מְמֵילָא הָאט זִיךְ יֶעדֶער גֶעמַאכְט אַזַא חֶשְׁבּוֹן: 'אוֹיבּ גֶעלְט אִיז אַזוֹי חָשׁוּב וֶועל אִיךְ דָאס הַאלְטְן טֵייעֶר אוּן נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין דֶערִין', אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נָאר גֶערֶעדְט פוּן תַּכְלִית, תּוֹרָה וּתְפִלָּה, הָאט דֶער עוֹלָם פַארְשְׁטַאנֶען אַז גֶעלְט אִיז נִישְׁט אוּן עֶס אִיז אַ שָׁאד דָאס אַוֶועקְצוּלֵייגְן".

פַארְשְׁטֵיי גוּט פוּן דִי מַעֲשֶׂה נִישְׁט צוּ מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן גֶעלְט; דוּ בֶּעט אַלֶעמֶען וֶוער עֶס ווִיל הָאבְּן דִי זְכִיֶ' צוּ אִינְוֶועסְטִירְן אִין אַן אֵייבִּיגְן גֶעשֶׁעפְט וָואס בְּרֶענְגְט אֵייבִּיגֶע רְוָחִים, וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**דֶער שְׂכַר פוּן אַ שַׁדְכָן אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ שַׁדְכָן, אוֹיסְפִירְן נָאךְ אַ שִׁידּוּךְ.
~~~~~~~~~~~

אַוַודַאי אִיז דָאס זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע מִצְוָה; מֶען קֶען מַמָּשׁ אַרָאפְּגֵיין פוּן זִינֶען ווִילַאנְג מֶען פִּירְט אוֹיס אַ שִׁידוּךְ, יֶעדֶער צַד מִיט זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת, יֶעדֶער מֵיינְט אַז זַיין מִשְׁפָּחָה אִיז עֶפֶּעס ווַייס אִיךְ וָואס. אָבֶּער דֶער שְׂכַר פוּן זַיין אַ שַׁדְכָן אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט שׁוֹין טוּן פַּאר ... נֵרוֹ יָאִיר, רוּף נָאכְאַמָאל אָן דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי מֵיידְל אוּן שְׁטוּפּ צוּ דֶעם שִׁידוּךְ.

מִיר דַארְפְן נָאכְגֵיין דִי וֶועגְן פוּן מוֹהַרָא"שׁ וָואס הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן עוֹסֵק גֶעוֶועזְן אִין שִׁידוּכִים אוּן אִין שָׁלוֹם בַּיִת; דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.

אִיךְ ווַארְט צוּ הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ מִיטְ'ן שִׁידוּךְ.

...

~~~~~~~~~~~

מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וֶוערְט אַלֶעס גְרִינְגֶער.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ זֶען דַיין נָאמֶען בַּיי דִי רְשִׁימָה פוּן דִי נֶעמֶען וָואס הֶעלְפְן חוֹדֶשׁ'לִיךְ דִי יְשִׁיבָה.

אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אוּן דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דִי הַנְהָגָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, דִי הַנְהָגָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אוּנְזֶער מַאמֶע לָשׁוֹן כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, ווַייל ווִי נָאר אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה וֶוערְט אִים אַלֶעס גְרִינְגֶער, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקְקֵייט פוּן חַיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִיר, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר; שְׁרַייבּ מִיר אַפָּאר וֶוערְטֶער וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶ׳ זַיין.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**נִסִּים וְנִפְלָאוֹת אַז דוּ הָאסְט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

״זֶה הַיּוֹם עָשָׂה ה׳ נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ!״ דוּ הָאסְט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דַיינֶע קִינְדֶער, ״חַסְדֵי ה׳ כִּי לֹא תָמְנוּ, כִּי לֹא כָלוּ רַחֲמָיו!״ אַן אָפֶּענֶעם נֵס.

וֶוער עֶס גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין תְּפִלָּה אוּן אִין אֱמוּנָה זָאל קוּמֶען קוּקְן ווִי דוּ בִּיסְט אַהֵיים מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; וֶוער עֶס אִיז בַּאקַאנְט וָואס עֶ״י ס׳״י עֶ״ס [ACS] אִיז וֵוייסְט אַז וֶוער עֶס פַאלְט אַ קָרְבָּן פַאר זֵיי קֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן זֵיי, לַאנְגֶע יָארְן מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ מִיט מִשְׁפָּטִים, שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער פַאר לוֹיעֶרְס אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. אוּן דוּ הָאסְט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט בְּחֶסֶד עֶלְיוֹן אִין אַ קוּרְצֶע צַייט (אַוַודַאי הָאט דָאס אוֹיסְגֶעזֶען לַאנְג).

דָאס אִיז אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה; מַמָּשׁ אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ דִיר פָּארְאוֹיס גֶעזָאגְט, אַז דִי יְשׁוּעָה וֶועט נִישְׁט קוּמֶען פוּן אַ לוֹיעֶר נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

זָאלְסְט דֶערְצֵיילְן דַיין גֶעשִׁיכְטֶע אוּן דִי נֵס פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, זָאלְן אַלֶע זֶען אַז תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר אוּן פוּנֶעם רַייכְסְטְן ...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**מְסַדֵר זַיין דִי בְּרִיוְון אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו אוּן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ וִויל אַייךְ מְחַזֵק זַיין אִיר זָאלְט וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין אִין מְסַדֵר זַיין דִי בְּרִיוְון אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ; אַז אִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי מִצְוָה אִיז אַ שָׁאד דָאס אָפְּצוּלָאזְן.

נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט זַיין גֶענוּג בְּרִיוְון צוּ מַאכְן דֶערְפוּן אַ סֵפֶר, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען דָאס דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אָן אַ שִׁיעוּר אוּן דִי זְכוּתִים וֶועלְן זַיין אֵייעֶר׳ס.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן וַוייטֶער מְסַדֵר זַיין דִי אַלֶע בְּרִיוְון.

בְּאֶמֶת בִּין אִיךְ גָארְנִישְׁט מְחַדֵשׁ, דָאס אִיז אַלֶעס גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר הַקָדוֹשׁ אַשֶׁר בַּנַחַל - שֵׂכֶל, חִיזוּק אוּן עֵצוֹת פוּן מוֹהֲרַא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. אִיךְ הָאבּ דָאס נָאר אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט מֶער פַאר דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר אַז בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, יוּנְגֶעלַייט אוּן וַוייבְּלֶעךְ זָאלְן פַארְשְׁטֵיין אוּן וִויסְן פוּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

...

~~~~~~~~~~~

**וִויפִיל הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דִי נִיגוּנִים.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן פְלַייסִיג אוֹיף

נָאךְ אַ סִידִי: "טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה 4#".

זֶע אַרַיינְצוּלֵייגְן דִי בֶּעסְטֶע מוּזִיק; אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן גֶעלְט וִויפִּיל עֶס קָאסְט, וַוייל אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר אִיז דָאס וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק דִי יוּגְנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וִויפִּיל הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה עֶס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דִי נִיגוּנִים. עֶס וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי וֶוערְטֶער וָואס צַדִיקִים זָאגְן, זֵייעֶרֶע עֵצוֹת אוּן חִזוּקִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נְגִינָה, חֵלֶק ב, סִימָן א): "כְּשֶׁהַצַּדִּיקִים נִתְפַּרְסְמִים בָּעוֹלָם, עַל יְדֵי זֶה נִתְחַדְּשִׁים נִיגוּנִים בָּעוֹלָם", וֶוען עֶס וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי צַדִיקִים וֶוערְן נִתְחַדֵשׁ נַייעֶ נִיגוּנִים; דָאס גֵייט אוֹיף בֵּיידֶע וֶועגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

דַיין וַוייבּ אִיז נֶעכְטְן צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן גֶעזָאגְט דִי גֶעצֵיילְטֶע וֶוערְטֶער: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן", הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס גֵייט פָּאר? וָואס אִיז יֶעצְט גֶעשֶׁען?" הָאט זִי מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר מַיין טַייעֶרֶע מַאן אוּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער".

אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט וָואס פַאר אַ נַחַת אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר, וִוי גֶעטְרֵיי דוּ בִּיסְט פַארְ'ן רֶבִּינְ'ס זַאךְ.

דִיר זָאג אִיךְ דֶעם אֱמֶת, דָאס וָואס דוּ שְׁטֵייסְט הַיינְט אַזוֹי שֵׁיין אִיז אַ מַעֲשֶׂה
~~~~~~~~~~~

פוּן אַסַאךְ תְּפִילוֹת וּבְכִיּוֹת; אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ פְּתִיחוֹת הָאָרוֹן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר דִיר און אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ שְׁפַּאצִירְט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין וּבְעִקָּר אַז דַיין הַארְץ זָאל זַיין אָפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט וַוייטֶער פַאר דִיר און פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~

**דִי פְּרוּיעֶן זָאלְן זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִינְאֵיינֶעם.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו און דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי זֶעכְצִיגְסְטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִים; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ יֶעצְט נָאךְ דַיין חֲתוּנָה וַוייטֶער מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דוּ בִּיסְט מַמְשִׁיךְ צוּ זָאגְן תְּהִלִים.

אַנְשְׁטָאט זִיצְן און שְׁפִּילְן מִיט'ן טֶעלֶעפָאן, זַיין פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישֶׁע גְרוּפְּס וָואס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם קָאפּ פוּן לֶעבְּן, נָאכְדֶעם וָואס יֶעדֶע מִינוּט און יֶעדֶע רֶגַע לוֹיפְט מֶען צוּם טֶעלֶעפָאן קוּקְן וֶוער עֶס שְׁרַייבְּט יֶעצְט און וָואס עֶנְטְפֶערְט מֶען יֶעצְט וְכוּ', וְכוּ'. לוֹיפְסְטוּ צוּם תְּהִלִים, דוּ כַאפְּסְט אַריין נָאךְ אַ קַאפִּיטְל און נָאךְ אַ גֶעזַאנְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַלְוַואי זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ חַבְרוּתָא מִיט דַיינֶע חַבֶר'טֶעס, זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען פוּן צַייט צוּ צַייט און יֶעדֶער זָאל דֶערְצֵיילְן וִויפִיל מָאל מֶען הָאט שׁוֹין מְסַיֵים גֶעוֶוען סֵפֶר תְּהִלִים. מֶען זָאל שְׁמוּעֶסְן פוּן דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן לֶעבְּן, וִוי שֵׁיין דָאס לֶעבְּן אִיז מִיט אַ צַדִיק. אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ מְחַזֵק זַיין וִוי אַזוֹי אִיר קֶענְט מְזַכֶּה זַיין נָאךְ מֵיידְלֶעךְ און וַוייבְּלֶעךְ צוּ לֶעבְּן לוֹיט דִי שֵׁיינֶע וֶועג פוּן רֶבִּי'ן.
~~~~~~~~~~

אַ גְרִיס פוּן דַיין חָשׁוּב'עֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה, נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ אַזַא מַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**עֶנְדֶערְשׁ זַיי אַ סַבְלָן אוּן זַיי מְוַתֵּר וִוי גֵיין מִיט עַקְשָׁנוּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט מְוַתֵּר גֶעוֶועְן אוּן נָאכְגֶעגֶעבְּן פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', וְכוּ'. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט:): "אִיתְּתָךְ גּוּצָא, גְּחִין וְתִלְחוֹשׁ לָהּ", אַז דַיין וַוייבּ אִיז קְלֵיין וְכוּ' בֵּייג זִיךְ אַרָאפּ צוּ אִיר אוּן הֶער וָואס זִי זָאגְט דִיר, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט דָארְט: "בְּמִילֵי דְּעָלְמָא" אוּן "מִילֵי דְבֵיתָא", וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שְׁטוּבּ זַאכְן, אָדֶער סְתַּם וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן זָאל מֶען אוֹיסְהֶערְן דִי וַוייבּ; מֶען וֶוערְט נִישְׁט וֵוייניִגֶער חָשׁוּב אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט נָאךְ, אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט קְלֶענֶער וֶוען מֶען פִירְט נִישְׁט אוֹיס.

פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט מְדַקְדֵק זַיין אוֹיף דַיין וַוייבּ אַז זִי קוֹיפְט אִירֶע זַאכְן; דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר אִירֶע זַאכְן. גֵיי אַבִּיסְל הַפָּצָה וֶועסְטוּ הָאבְּן וָואס אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִין פד:): "מַאי דִּכְתִיב (תהלים קיב, ה): 'טוֹב אִישׁ חוֹנֵן וּמַלְוֶה יְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט'? לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בַּמֶּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נוּצְן זַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן פַאר זִיךְ צוּ עֶסְן וֵוייניִגֶער וְוִיפִיל עֶר הָאט אוּן פַאר זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זָאל עֶר גֶעבְּן מֶער וְוִיפִיל עֶר הָאט; וֶוער עֶס פִירְט זִיךְ אַזוֹי דֶער אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.
~~~~~~~~~~~

עַקְשָׁן זִיךְ נִישְׁט; מִיט וַתְּרָנוּת און אַבִּיסְל סַבְלָנוּת וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען אַסַאךְ וַוייטֶער. דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אֵיינְגֶע'עַקְשְׁנְ'ט, בַּיי קַיין שׁוּם פַּאל; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט זַיין מֵיינוּנְג און אַז מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּהֶערְן הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקְרִיגְט מִיט קֵיינֶעם.

עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ סִפּוּרִים ווִי מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען הָאט גֶע'טַעְנֶה'ט מִיטְן רֶבִּי'ן און דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶע'עַקְשְׁנְ'ט, אָבֶער צוּם סוֹף הָאט מֶען גֶעזֶען אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען גֶערֶעכְט.

אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן דַיינֶע שִׁיעוּרִים און סִיוּמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

מְנַקֵד זַיין דִי בְּרִיוְון פוּן סֵפֶר "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה".

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן אַרוֹיסְשִׁיקְן דִי גְמָרוֹת פוּן מַסֶכֶת תְּמוּרָה; אִם יִרְצֶה ה' דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ זוּנְטָאג הֵייבְּן מִיר אָן אַ פְרִישֶׁע מַסֶכְתָּא, "מַסֶכֶת תְּמוּרָה". אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיךְ יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען צוּ מְנַקֵד זַיין דִי בְּרִיוְון פוּן סֵפֶר "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"; דִי מַדְפִּיסִים זָאגְן מִיר אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶס הַאלְט זִיךְ אָפּ און עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס יֶעדֶע וָואךְ אִיז צוּלִיבּ דִי נִקוּד.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אַז אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט און וַוייטֶער אִיבֶּערְנֶעמֶען דֶעם נִקוּד אַז דָאס זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן אֲפִילוּ לְשָׁעָה;
~~~~~~~~~~

וַוייל דִי מֵפִיצִים זָאגְן מִיר אַז אַלֶע בָּחוּרִים אוּן אַלֶע יוּנְגֶעלַייט, בִּפְרָט כּוֹלֵל יוּנְגֶעלַייט בֶּעטְן אוּן מוּטְשֶׁען זֵיי צוּ בַּאקוּמֶען וֶועכֶנְטְלִיךְ דִי בְּרִיוְון וַוייל דָאס אִיז זֵיי מְחַזֵּק לַעֲבוֹדַת ה׳.

בֶּאֱמֶת הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען, אִיךְ שְׁרַייבּ נָאר דִיבּוּרִים, עֵצוֹת וְחִיזוּקִים וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"ש אוּן וָואס אִיךְ לֶערְן אִין דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"ש, וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן פוּן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

דֶעם שַׁבָּת דֶערְצֵיילְט מִיר אֵיינֶער פוּן דִי מֵפִיצִים אַז אַ אִיד הָאט אִים אָנְגֶערוּפְן בֶּעטְן דִי סְפָרִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, הָאט אִים דֶער מֵפִיץ גֶעפְרֶעגְט: "וִוי קוּמְסְטוּ אָן צוּ דִי סְפָרִים וְכוּ׳?" הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר מַיין דַיָּין הַרַב הַגָּאוֹן ר׳ ... שְׁלִיטָ"א, דוֹמֶ"ץ ..., בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת ..., הָאט עֶר מִיר גֶע׳עֵצָה׳ט אִיךְ זָאל לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וֶועל אִיךְ הָאבְּן חִיזוּק אוֹיף אַלֶע עִנְיָנִים".

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן מְנַקֵּד זַיין דִי בְּרִיוְון אוֹיפְ׳ן שֶׁענְסְטְן אוֹפָן וָואס אִיז שַׁיָּיךְ; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דָאס מַגִּיהַ זַיין בִּשְׁעַתְ׳ן מְנַקֵּד זַיין, אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס פֶעלְט מַרְאֵי מְקוֹמוֹת זָאלְסְטוּ מִיר רוּפְן פְרֶעגְן דֶעם מַרְאֵה מָקוֹם. אוּן אַז עֶס אִיז דָא אַן אִיבֶּערִיגֶע וָוארְט אָדֶער עֶס פֶעלְט אַ וָוארְט זָאלְסְטוּ דָאס מְתַקֵּן זַיין; נָאר גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּנֶעם מְכֻוָּן.

אִינֶעם זְכוּת פוּן זִיכּוּי הָרַבִּים וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ נֵס, עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גַאנְצֶע יְשׁוּעָה.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**שְׁטַארְק זִיךְ אִין דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן
~~~~~~~~~~~

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן זָארְגְן פַאר מִיר אוּן מַיין וַוייבּ, זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען גֵיין אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן נָאכְן הָאבְּן דֶעם קִינְד. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דַיין וַוייבּ פַאר׳ן מַאכְן פַיינֶע עֶסְן פַאר דִי קִימְפֶּעטָארִין אוּן פַאר׳ן שִׁיקְן פַיינֶע קוּגְל לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ; אִין דִי זְכוּת פוּן צְדָקָה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; בִּפְרַט מִיטְ׳ן אַרוֹיסְגֶעבְּן דֶעם שֵׁיינֶעם ״גִּלְיוֹן הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ״, וָואס וֶוערְט צֶעשְׁפְּרֵייט וֶועכֶנְטְלִיךְ אִין דִי צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער.

הַיינְט דֶערְצֵיילְט מִיר הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר וֶועלְכֶער פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם גִּלְיוֹן וֶועכֶנְטְלִיךְ אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ, אַז מֶענְטְשְׁן בַּאדַאנְקֶען זִיךְ, זֵיי זָאגְן אַז דִי גִּלְיוֹן גֶעבְּט זֵיי לֶעבְּן אוּן זֵיי וַוארְטְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ דֶערוֹיף.

זֵיי מַמְשִׁיךְ מִיטְן קַו ״קוֹל בְּרֶסְלֶב״; מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ וֶועלְכֶע גֶעפוּנְט זִיךְ יֶעצְט אִין ״אֵם בְּיִשְׂרָאֵל״ - אַן אָפְּרוּ פְּלַאץ פַאר קִימְפֶּעטָארִינְס, הָאט מִיר נֶעכְטְן דֶערְצֵיילְט אַז יֶעדֶע פָּאר מִינוּט קוּמְט צוּ אִיר אַ צְוֵוייטֶע פְרוֹי זִיךְ בַּאדַאנְקֶען, וִוי זֵייעֶר לֶעבְּן אוּן שָׁלוֹם בַּיִת הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט דוּרְךְ דֶעם (הַאט לֵיין) קַו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבְּן צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן.

...

~~~~~~~~~~~

**מִשְׁנָיוֹת וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן גֶעבְּן לֶעבְּן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**
~~~~~~~~~~~

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְעֶכְטְן; אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן קֶען מֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי גְרֶעסְטֶע זוּמְפּ וואו מֶען אִיז נָאר פַארְזִינְקֶען. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען אָדֶער מֶען הָאט אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים זָאל מֶען גוֹרֵס זַיין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, מֶען זָאל זָאגְן אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין - דָאס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער לִיבֶער בְּרוּדֶער, נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן הֵייבּ אָן גוֹרֵס זַיין אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט נָאכְדֶעם וָואס דַיין מֹחַ אִיז דִיר אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן אַזוֹיפִיל זִינְדִיגְן - דָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם אוּן הֶער נִישְׁט אוֹיס קֵיינֶעם, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין דִי אַלֶע וָואס וֶועלְן לַאכְן פוּן דִיר פוּן דֶעם וָואס דוּ דַאוֶונְסְט מִשְׁנָיוֹת, דוּ קוּק נָאר אוֹיף דִיר אַלֵיינְס וֶועט דִיר גוּט זַיין.

וואוּ גֵייסְטוּ בַּיינַאכְט? וואוּ דְרֵייסְטוּ זִיךְ?! דוּ וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר אוּן זֶעט וָואס דוּ טוּסְט? דוּ מֵיינְסְט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יִרְמְיָהוּ כג, כד): "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ, נְאֻם ה'" ווִי קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר? "הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא נְאֻם ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּערָאל; אַנְשְׁטָאט גֵיין צוּ עֲבֵירוֹת אָדֶער זִיצְן פַארְשְׁקְלַאפְט קוּקֶנְדִיג מָאוִוי"ס וְכוּ' נֶעם עֶנְדֶערְשׁ אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיר אוֹיסְרֵיינִיגְן דַיין מֹחַ, עֶס וֶועט דִיר גֶעבְן לֶעבְן אוּן דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

אַנְשְׁטָאט גֵיין בַּיינַאכְט מִיט חֲבֵרִים אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע פְּלֶעצֶער רַחְמָנָא לִצְלָן בְּלַייבּ עֶנְדֶערְשׁ אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ אַז דִי וַוייבּ אִיז אִין קָאנְטְרִי צוּ קֶענֶען לֶעבְן בְּהֶפְקֵרוּת.

אִיךְ וֵויין אוּן אִיךְ בִּין בְּצַעַר פוּן דַיין הִתְנַהֲגוּת; אִיךְ הָאב רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר, אוֹיף דַיין נְשָׁמָה אוּן זִיכֶער אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיף דַיין אוּמְשׁוּלְדִיגֶע וַוייבּ. פָאלְג מִיר, לָאז אָפּ דִי נִישְׁט גוּטֶע וֶועג; אָדֶער קוּם אַרוֹיס צוּ דַיין וַוייבּ יֶעדְן

אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג אִין קַאנְטְרִי אָדֶער גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן שְׁטֵיי אוֹיף פַּארְטָאגְס לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם גֵיין טוּן עֲבֵירוֹת.

אִיךְ צִיטֶער פוּן דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן שד): "אָדֶער אַ נִסָּיוֹן אָדֶער אַ בִּזָּיוֹן", אוֹיבּ מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט אוּן עֶס וֶוערְט אוֹיס נִסָיוֹן וֶוערְט בִּזְיוֹנוֹת הַשֵּׁם יְרַחֵם.

נָאכְאַמָאל, נֶעם יֶעצְט אַ מִשְׁנַיוֹת; לֵייג אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאן, לֶעשׁ דָאס אוֹיס אוּן וַואשׁ זִיךְ אָפּ מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - וֶועט דִיר גוּט זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**אַלֶע מְקַטְרְגִים דֶערְשְׁרֶעקְן זִיךְ פוּן אַ בָּחוּר'ס גֶעבֶּעט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס דִי צַעַר וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה דֶערְפוּן; אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אוּן נַאכְט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט שׁוֹין טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ חָתָן לְמַזָל טוֹב.

הֵייבּ אָן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט לֶערְנֶען גְמָרָא, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים; דָאס מֵיינְט אוֹיף אַלֶע בְּחִינוֹת - סַיי בְּפַשְׁטוּת אַז מֶען בַּאקוּמְט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, אַ צֶלֶם אֱלֹקִים; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דִי בַּאשֶׁערְטֶע זִיווּג, אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט אַז וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה בַּאקוּמְט מֶען אַ צֶלֶם אֱלֹקִים.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, יֶעצְט אִין קֶעמְפּ אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ
~~~~~~~~~~~

וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן נִישְׁט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אוּן וואוּ דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס פַּאר אַ רַעַשׁ עֶס וֶוערְט אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען אַ בָּחוּר זָאגְט פַּארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אִין עֲבֵירוֹת וְכוּ׳; אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, אַז אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועל אִיךְ מֶער נִישְׁט טוּן דִי עֶקֶעלְדִיגֶע עֲבֵירָה״; וֶוען אַ בָּחוּר זָאגְט דָאס פַּארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט אוֹיבְן אַזַא רַעַשׁ אַז אַלֶע מְקַטְרְגִים אַנְטְלוֹיפְן, זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ מִיט זַייעֶרֶע קִטְרוּג וָואס זֵיי שְׁטֵייעֶן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן זֶענֶען מְקַטְרֵג אוֹיף בָּחוּרִים וְכוּ׳, וַוייל דֶער אֱמֶת קוּמְט אַרוֹיס אוּן מֶען זֶעט קְלָאר אַז בָּחוּרִים זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ, דוּ בִּיסְט מִיר אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין מַיין הַארְץ.

...

~~~~~~~~~~~

**הַאלְט זִיךְ אַיין נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִין כַּעַס; דִי עֵצָה דֶערְצוּ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, ט״ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֵיין וָוארְט הָאבּ אִיךְ פַאר דִיר: ״דוּ בִּיסְט אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת!״ דוּ טוּסְט אַזוֹיפִיל סְגוּלוֹת אוּן גוּטֶע זַאכְן כְּדֵי צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין פַּרְנָסָה אָבֶּער נָאכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶע׳פּוֹעֵל׳ט, עֶס עֶפְּנְט זִיךְ אוֹיף דִי הִימְל דִיר אַרָאפְּצוּשִׁיקְן שֶׁפַע, פַארְפַּאטְשְׁקֶעסְטֶע אַלֶעס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן סח) אַז ׳כַּעַס׳ אוּן ׳גֶעלְט׳ קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ אוּן יֶעדֶעס מָאל עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט עֶס זָאל קוּמֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ רַייכְטוּם קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל
~~~~~~~~~~~

וֶוערְן רַייךְ. און בְּרֶענְגְט אִים אַ נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס, און וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ רֶעגְט זִיךְ אוֹיף פַארְלִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אַז כַּעַס אִיז אַזַא שְׁטַארְקֶע נִסָּיוֹן אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דוּרְךְ דִי כַּעַס וֶועט עֶר פַארְלִירְן זַיין עֲשִׁירוּת - דָאךְ רֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיף, מַמָּשׁ מֶען פַארְלִירְט דִי שֵׂכֶל, אַזוֹי שְׁטַארְק אִיז דִי נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס.

וֶוען אֵיינֶער רֶעגְט דִיר אוֹיף, אַנְשְׁטָאט וֶוערְן בְּכַעַס און פַארְלִירְן דִי עֲשִׁירוּת בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת - זָאלְסְטוּ אָנְקוּקְן יֶענֶעם מִיט רַחְמָנוּת, וֶועט דִי גַאנְצֶע כַּעַס אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן יח, אוֹת ב) דֶער וָואס דְרֵייט אִיבֶּער פוּן כַּעַס אוֹיף רַחְמָנוּת אִיז זוֹכֶה צוּ אַ גוּט לֶעבְּן; יֶעדֶעס מָאל מֶען הָאט צוּ טוּן מִיט אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, אוֹיב מֶען לֵייגְט אַריין אִין דִי מַעֲשֶׂה דָאס וָוארְט "רַחְמָנוּת" טוֹישְׁט זִיךְ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען הָאט גוּט פַארְמַאכְט דֶעם דַאךְ אִין אוּמַאן בַּיים בִּנְיָן הֶחָדָשׁ; גֶעב אַ קוּק ווי מִיר הָאבְּן שׁוֹין כִּמְעַט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם בִּנְיָן אָן קַיין עֲשִׁירִים, מַמָּשׁ ווי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאב גֶעבּוֹיט דֶעם קְלוֹיז נִישְׁט מִיט גֶעלְט פוּן עֲשִׁירִים נָאר מִיט דִי רְצוֹנוֹת פוּן אָרִימֶעלַייט"; אַזוֹי אִיז בַּיי אוּנְז, גֶעב אַ קוּק אַזַא בִּנְיָן מְפוֹאָר וָואס הָאט זִיךְ גֶעבּוֹיט און בּוֹיעֶט זִיךְ וַוייטֶער נָאר מִיט דִי רְצוֹנוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס ווילְן זַיין צוּזַאמֶען כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד, דַאוֶונֶען און עֶסְן צוּזַאמֶען, שְׁמוּעֶסְן און פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי מוֹהֲרָא"שׁ.

עֶס הֶערְט זִיךְ שׁוֹין אִין הַארְץ דֶעם זִיסְן נִיגוּן: "אוּמַאן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּמַאן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה...", אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ!

...

~~~~~~~~~~~

**טְרַאכְטְן פוּן יֶענֶעמְ'ס גֶעפִילְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בָּלָק, ט"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן
~~~~~~~~~~~

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

דִי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דוּ דֶערְצֵיילְסְט מִיר, וִוי מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדֶע מֵיידְל'ס גֶעפִילְן, אֲפִילוּ וֶוען אַ מֵיידְל קֶען נִישְׁט טַאנְצְן מַאכְט מֶען נִישְׁט חוֹזֵק פוּן אִיר, אוּן וֶוען אַ מֵיידְל רוּפְט זִיךְ אָן נִישְׁט קְלוּגֶע רֵייד מַאכְט מֶען נִישְׁט קֵיין גֶעשְׁפֶּעט, נָאר מֶען שְׁמוּעֶסְט וַוייטֶער כְּאִילוּ לֹא הָיָ'; דִי מַעֲשִׂיּוֹת מַאכְן מִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, זֶעעֶנְדִיג אַז דִי תַּלְמִידוֹת פוּן "בֵּית פֵיגָא" טְרַאכְטְן אוֹיךְ פוּן יֶענֶעמְ'ס גֶעפִילְן.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דַיינֶע גוּטֶע מִידוֹת; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ פְרוֹי וָואס הֶעלְפְט דֶעם מַאן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

וואוֹיל אִיז אַייךְ אוּן וואוֹיל אִיז אֵייעֶר חֵלֶק אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַאן וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה בִּזְכוּת וָואס אִיר הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָן?" אוֹיף וָואס בַּאקוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן שָׂכָר? "בְּאַקְרוּיֵי בְנַיְהוּ לְבֵי כְנִשְׁתָּא", מִיט דֶעם וָואס זֵיי טְרָאגְן דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען תּוֹרָה, "וּבְאַתְנוּיֵי גַבְרַיְהוּ בֵּי רַבָּנָן; וְנָטְרִין לְגַבְרַיְהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנָן", אוּן מִיט דֶעם וָואס זֵיי הֶעלְפְן דִי מֶענֶער לֶערְנֶען אוּן וַוארְטְן זֵיי אָפּ בִּיז זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פוּן לֶערְנֶען; דָאס אִיז דִי שְׂכַר פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען מַחְשִׁיב
~~~~~~~~~~~

און שֶׁעצְן דֶעם מַאן וֶוען עֶר לֶערְנְט.

דֶערְפַּאר וִויל אִיךְ אַייךְ מְחַזֵק זַיין אִיר זָאלְט וִויסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ פְּרוֹי וָואס הֶעלְפְט, שְׁטִיצְט און אִיז מְחַזֵק דֶעם מַאן צוּ לֶערְנֶען.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אוּנְזֶער חָשׁוּב'עֶ מְנַהֶלֶת תְּחְיֶ' אַז אִיר הָאט זִיךְ מִתְנַדֵב גֶעוֶוען צוּ הֶעלְפְן זוּמֶער מִיט מֵיידְלֶעךְ; עֶס אִיז נִישְׁט צוּם בַּאגְרֵייפְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער, בִּפְרַט מֵיידְלֶעךְ צוּ לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה, צְנִיעוּת און מִידוֹת טוֹבוֹת.

בִּזְכוּת הַמִּצְוָה הַזֹּאת זָאלְט אִיר הָאבְּן נַחַת בַּיי אֵייעֶרע קִינְדֶער.

...

~~~~~~~~~~~

**נוּץ אוֹיס דִי קֶעמְפּ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן פוּן אוּנְזֶער חָשׁוּב'עֶ מְנַהֶלֶת מָרַת ... תְּחְיֶ' גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר.

אוֹיךְ הֶער אִיךְ פוּן אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִיר; פוּן דַיינֶע גוּטֶע מִדוֹת, פוּן דַיין גוּט הַארְץ וִוי דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אוֹיף אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ, אוֹיךְ הֶער אִיךְ אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת.

וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן אוֹיף דֶעם שֵׁיינֶעם וֶועג, אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ אַיינְקוֹיפְן דִי וֶועלְט דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע נָאמֶען און טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, און אוֹיךְ וֶועסְטוּ זִיךְ אַיינְקוֹיפְן יֶענֶע וֶועלְט דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען שְׂכַר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט וֶוען מִיר גֶעפוּנֶען זִיךְ אִין קֶעמְפּ צְוִוישְׁן דִי גְרָאז און בֵּיימֶער אִיז אַ גוּטֶע
~~~~~~~~~~~

צַייט צוּ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן צְווִישְׁן זֵיי אוּן זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן פַּאר דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, בִּפְרַט אוֹיף דִי חֶסֶד אַז מִיר וֵוייסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַּאר אַלֶעמֶען, דִי עֵצָה פוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוּן אַלֶעס וָואס מֶען טְרַאכְט פְּחָדִים, דִּמְיוֹנוֹת, מַחְשָׁבוֹת רָעוֹת וְכוּ׳, וְכוּ׳.

ווִי מֶער מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ טוּן דִי עֵצָה אַלְץ מֶער וֶוערְט דָאס לֶעבְּן בֶּעסֶער אוּן זִיסֶער.

זֶע צוּ זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~

**אַז מְ׳גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט אַלֶעס גוּט.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בָּלָק, ט״ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר הוֹדָעָה.

אִיךְ וֶועל נָאךְ הַיינְט רֶעדְן מִיט אֵייעֶר מַאן, אִים מְחַזֵק זַיין עֶר זָאל זַיין גֶעטְרֵיי צוּ אַייךְ וְכוּ׳, וְכוּ׳.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר מָרַת ... תִּחְיֶ׳; גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן פב): פַּארְוָואס גֵייט פַּאר אַ מֶענְטְשׁ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר? וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל עֶפֶּעס, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי אֱמוּנָה, עֶר בֵּייגְט אַיין דֶעם קָאפּ, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט, דֶעמָאלְט גֵייט אִים אַלֶעס כְּסֵדֶר.
~~~~~~~~~~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן דֶעם מַאן אוּן אִיר הָאט מִיט אִים לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, דַארְפְט אִיר וִויסְן אַז דָאס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַאר אַייךְ; אַוַודַאי דארְף מֶען בֶּעטְן וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט, אָבֶּער מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ וֶוערְן דֶעפְּרֶעסְט פוּן דֶעם וָואס מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט אָבֶּער מֶען זֶעט נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה. מֶען דַארְף וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְס.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, הֵייבְּטְס אָן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי אֱמוּנָה; גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַאר אַייךְ אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאלְט אִיר בֶּעטְן פַאר אַייךְ אוּן אֵייעֶר מַאן אַז אִיר זָאלְט זִיךְ פַארְשְׁטֵיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן.

קוּקְטְס אוֹיף אֵייעֶר מַאן מִיט "רַחְמָנוּת אוֹיגְן"; עֶר אִיז נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶער אוּן עֶר וִויל נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, נָאר זַיין מֹחַ-מַחְשָׁבָה אַרְבֶּעט אַנְדֶערְשׁ וְכוּ'. זָאלְט אִיר פוּן אֵייעֶר זַייט זֶען אִים צוּ מְכַבֵּד זַיין אוּן אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ אִים עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַייךְ וְכוּ', וְכוּ'.

אִיר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אַ תְּפִילָה וָואס צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג, שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט זָאגְן יֶעדְן טָאג וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, בִּפְרַט אַז אִיךְ וֵוייס פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער אוֹיסְהַאלְטְן פוּן מַיין מַאן, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט אוּן אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט לִיבּ; עֶס בַּאדֶערְט מִיר פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ אִים מֶער נִישְׁט לִיבּ. נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ אַזוֹי הֲנָאָה גֶעהַאט יֶעדְן טָאג פוּן לֶעבְּן; יֶעדֶע מִינוּט, יֶעדֶע רֶגַע אִיז גֶעוֶוען אַ פַארְגֶענִיגְן מִיט מַיין מַאן נֵרוֹ יָאִיר, אָבֶּער יֶעצְט שְׁפִּיר אִיךְ מַמָּשׁ ווִי אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט, אִיךְ עֶקְל זִיךְ פוּן אִים אוּן אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ מְשׁוּגָע פוּן אִים.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל מִיר נִישְׁט גֶעט'ן חַס וְשָׁלוֹם; מִיר הָאבְּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם גֶעט'ן וֶועט זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער פַאר זֵיי אוּן פַאר מִיר. אָבֶּער אַזוֹי ווִי עֶס אִיז יֶעצְט קֶען אִיךְ עֶס נִישְׁט נֶעמֶען, אִיךְ הַאלְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, יֶעדֶע רֶגַע אִיז מִיר מַמָּשׁ אַ גֵיהִנּוֹם. אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער,

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק לִיבּ הָאבְּן מַיין מַאן. אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק פְרֵיילִיךְ וֶוערְן אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער.

הֶעלְף עֶס זָאל אַרֵיינְגֵיין אִין מַיין מַאן אַ רוּחַ טָהֳרָה; עֶר זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן צוּרִיק אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, עֶר זָאל מִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, וּבִפְרַט בִּזְכוּת רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וּבִזְכוּת מוֹרֵנוּ מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן".

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, זַייטְס נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; גֶעבְּט זִיךְ אוּנְטֶער אוּן הֵייבְּטְס אָן זוּכְן גוּטְס אִין אֵייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר.

זַייטְס נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אַזוֹי; גְלֵייבְּטְס מִיר, מַיין הַארְץ אִיז צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁנִיטְן טְרַאכְטְנְדִיג פוּן אֵייעֶר לֶעבְּן, אָבֶּער אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגְן אַז עֶס אִיז אוֹיךְ תָּלוּי אִין אַייךְ; אַז אִיר וֶועט קוּקְן גוּט אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אַייךְ לַייכְטֶער וֶוערְן.

שְׁרַייבְּטְס מִיר יֶעדְן טָאג וָואס הֶערְט זִיךְ, וַוייל אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיר מִיט אֵייעֶר מַאן וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן כְּשָׁנִים קַדְמוֹנִיוֹת.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~